# מעשהלעך פון בראשית
א

## ווי אזוי די פייגעלעך
## האבן געלערנט חומש

פון

## אליעזר שטיינבארג

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

פארלאג קולטור, טשערנאוויץ.

1923.

בוכדרוקעריי הארניק און בירנבוים, טשערנאוויץ.

MICROFORM

13/3379

3379

# דאָס ערשטע קאַפּיטל

*אין דעם קאַפּיטל דערציילט דאָס ביכעלע, פאַר וואָס די קראָ שרייט קראַ, קראַ, ווער ס'לערנט מיט די פייגעלעך חומש, פון וואָס פאַר א ביכעלעך די פייגעלעך לערנען, מיט וואָס פאַר א אותיות די ביכעלעך זענען געשריבן און נאָך ווערט דאָ דערמאָנט, וואָס הייסט אזוינס „פלעקער-שריפט“.*

קראַ, קראַ, קראַ!

— ווער מאַכט אזוי?

— די קראָ.

— און פאַר וואָס שרייט די קראָ: קראַ, קראַ? דאָס ווייסטו ניט קינד? נו, וועל איך דיר דערציילן. קראַ, קראַ איז אויף פויגל־לשון, ווי קראָ, קראָ אויף לשון קודש; ליין, ליין הייסט דאָס.

— און פאַרוואָס שרייט די קראָ: ליין, ליין?

— ווייל די קראָ איז דער רבי פון די פייגעלעך, שרייט דער רבי: קראָ, קראָ! ליין, פייגעלע, ליין!

— און דערפאַר רופט מען די קראָ, ראָב, ווייל ראָב הייסט רבי?

— יאָ, יאָ!

— און האָבן דען די פייגעלעך ביכעלעך?

— אוודאי, נאָך וואס פאַר אַ ביכעלעך! א יעדער בוים, א יעדעס ביימעלע איז א ביכעלע... א ביכעלע מיט בלעטעלעך...

— מיט גרינע בלעטעלעך?

— אבת!

— און האָבן דען די בלעטעלעך אותיות?

— אוודאי, זאָלסטו טאַקע וויסן! נעם א בלעטעלע, קינד, א גרין בלעטעלע פון א ביימעלע און קוק זיך צו, וועסטו זען שטריכעלעך און פאסעקלעך, דינע פאסעקלעך.

— טאַקע, טאַקע!

נו אָט! זענען די שטריכעלעך ניט גלאט אזוי שטריכעלעך און די פאסעקלעך ניט גלאט אזוי פאסעקלעך פון יענע פאסעקלעך און דריידעלעך, וואָס דו טענטעלסט צומאָל אזוי זיך מיט דער פּען. ניין, נאָר אותיות איז דאָס גאָר! אמתע אותיות. אמאָל האָבן מענטשן אויך אזוינע אותיות געשריבן. „פֿלעקער־כתב" פֿלעגן זיי די אותיות רופֿן.

— נו, האָבן זיי דעמאָלט אויך דאָס כתב פון די גרינע בלעטעלעך געקענט לייענען?

— ניין, קינד! דאָס כתב פון די גרינע ביימעלעך איז גאָר א באזונדער „פֿלעקער־כתב". מען זאָגט, ווער ס'איז גוט און פֿרום, ווי א פֿייגעלע, קומט אים ביי נאכט א מלאכ'ל צו חלום, א פיצעלע מלאכ'ל, ווי א פֿייגעלע די גרויס. „כרוב" רופט מען עס, דאָס מלאכ'ל, און סע לערנט אים אויס דאָס כתב פֿון די גרינע בלעטעלעך צו לייענען.

— טאקע?

— אזוי זאָגט מען. און ווער סע קען די שריפט פון די גרינע בלע־טעלעך לייענען, א סאך סודות און גוטע זאכן ווייסט ער צו דערציילן, זאכן און סודות, וואס נאר די פֿייגעלעך ווייסן.

— נאָר די פֿייגעלעך?

— נאר פייגעלעך! און אפשר נאך פיצעלעך קינדערלעך, וואס זייגן דער מאמעס מילעך און לאכן פונ'ם שלאָף...

און אזא מענטש, וואָס די פֿייגל־שריפט קען ער לייענען, אז ער שרייבט, איז כאָטש מיט אונדזערע אותיות שרייבט ער, קומט ביי אים אלץ, ווי ביי די פֿייגעלעך ארויס: קורצע שורה'לעך, פאסעקלעך און שטריכעלעך און פינטעלעך...

— ביי מיר אין ביכעלע האב איך טאקע אזוינע לידעלעך געזען.

— און איך אין אן אלט ספר'ל האב אזא מעשה'לע געליינט.

— וויל איך עס הערן!

און אז דו ווילסט הערן, וועל איך דערציילן:



# דאָס צווייטע קאפּיטל

אין דעם קאפיטל דערציילט דאָס ביכעלע, וויאזוי די פייגעלעך זענען געקומען אין חדר אריין, וויאזוי דער רבי האָט זיי דערציילט וועגן דעם אלטן פויגל חול, וואָס ער ציילט די שטערן און וועגן אן אלטן ביסיק, וואָס האָט א שיין מעשה'לע געהערט און נאך דערציילט דאָ דאָס ביכעלע, וויאזוי די פייגעלעך זענען מחדש די לבנה.

אמאָל האָט דער ראָב, דער רבי פון די פֿייגעלעך א געשריי געטון: קראַ, קראַ! באלד האבן זיך די פֿייגעלעך ארום אים אויף די צווייגן פון אן אקאַציע־בוים ארומגעזעצט און דער רבי האט צו די פיצעלעך תלמידים'לעך אזוי געזאָגט: איצט, מיינע פֿייגעלעך, וועלן מיר אָנהויבן חומש!

— חומש! חומש! חומש! האָבן די פֿייגעלעך געשריגן און פאר פֿרייד מיט די פֿליגעלעך געפאטשט.

— איך וועל אייך דערציילן, וויאזוי די וועלט איז באשאַפֿן געוואָרן, וועט איר זיך דערקוויקן.

— קוויק, קוויק, קוויק, דערקוויק! האָבן אלע פֿייגעלעך מיט אמאָל געקוויקעט.

און דער ראָב האָט דרייטאָל א פיק אין צווייג געטון, דעם זיסן אקאַציע־ריח געשמעקט און פאמעלעך, געלאסן אזוי אָנגעהויבן:

מיין זיידע, זכרונו לברכה, האָט מיר דערציילט, אז ער האָט געהערט פון זיין עלטער־זיידן, וואָס אן אלטער ביסיק האט אים אמאָל דערציילט.

דער אלטער ביסיק איז אמאָל אין א וואלד נעבן טייך חידקל געווען, דאָרטן ווי דער פֿויגל חול זיצט אויף א הויכן צעדערבוים און ציילט די שטערן. ווען ער וועט די שטערן איבערציילן וועט ער ווייסן, וויפֿל יאָר ער איז אלט...

— הול? חול? וואָס הייסט אזוינס חול?

— איך זאָג דאָך אייך: דאס איז אזא פויגל, וואָס לעבט אייביק, וואקסט ער, וואקסט, ביז ער וואקסט צוריק און אז ער ווערט שוין גאָר קליין, גייט פון זיין נעסט א פייערל ארויס און פארברענט אים אויף אש.

בלייבט פון אים איין קליין אייעלע. פונ׳ם אייעלע פיקט זיך אויס א נייער חול און אזוי אָן א סוף און אָן אַן עק...

— פּי, פּי, פּי! שרייען אויס די פייגעלעך. נו, נו, וואָסזשע האט ער, דער חול, דערציילט?

דער ראָב טוט ווידער דריי פיק אין צווייג, שמעקט דריי מאָל דעם געשמאקן אַקאַציע־ריח און זאָגט: איר ווייסט? די לבנה און דער פויגל חול זענען שוועסטער און ברודער. די לבנה לעבט אויבעט אייביק, וואקסט און וואקסט און אז זי וואקסט שוין נאָר אויס, וואקסט זי פּאמעלעך צוריק, צוריק, ווערט קלענער, קלענער, ביז א פייערל נייט פון איר נעסט ארויס און פארברענט זי אויף אש. אויס לבנה! נאָר ניין! אן אייעלע איז גע־בליבן, פיקט זיך פונ׳ם אייעלע ווידער א לבנה אויס, א יונגע, א שפּאָגל נייע לבנה! זענען זי די פייגעלעך מחדש, שפּרינגען און טאנצן קעגן איר און זיי זינגען:

— ציר, ציר, ציר! ציר, ציר, ציר!
נייע לבנה קום צו מיר.
ציף, ציף, ציף! ציף, ציף, ציף!
כ׳האָב אין הארץ א לידל טיף.
קוויר, קוויר, קוויר! קוויר, קוויר, קוויר!
כ׳וועל דאָס לידל זינגען דיר!

כאפּען אונטער אלע פייגעלעך.

— און זי ווערט אויבעט פארברענט, כאפּט אונטער דער ראָב.

— און ווידער אמאָל פיק, פּיק, פיק! זינגט א פייגעלע טאנצענדיק, ווידער א נייע לבנה פיקט זיך אויס...

— ווי פּי, פּי! ווי פּי, פּי! וויפל נייע לבנות האט שוין די וועלט מהדש געווען — זינגט א פייגעלע.

— נייע, נייע און אלץ די איינענע אלטע, זאָגט דער ראָב; אָט פאר־ברענט אָט ווידער צוריק.

— טשעריק, טשעריק, טשעריק! טשעריק, טשעריק, טשעריק! פלאפלען אלע פייגעלעך פריילעך.

דער ראָב פארטראכט זיך א ביסל און הויבט אָן ווייטער: א שוויינער איז ער דער חול. א גרויסער שוויינער. ווייל אלט איז ער, ווי דער וואלד און א סאך האט ער זיך אָנגעהערט, און א סאך האט ער זיך אָנגעזען, און אלצדינג ווייסט ער, און ווער סע ווייסט אלצדינג, דער שווייגט.



נאר ווען די פייגעל זענען א נייע לבנה מחדש, איז אויפ׳ן הול א גוטע שעה. דעמאָלט נעמען זיך צון אים אלע פייגעלעך פונ׳ם וואלד צענויף און ביי דער שיין פון דער יונגער לבנה שיינע מעשה׳לעך דערציילט ער זיי. איינמאָל — און דער אלטער ביסיק איז דערביי געווען — האט ער אזא מעשה׳לע דערציילט...

— ציפּ, ציפּ, שטיפּ! שטיפּ זיך נישט! ברוגזט זיך פלוצים איין פייגעלע אויפ׳ן אַנדערן, וואס האט זיך נענטער צוגעטוליעט.

— זיי ניט ברוגז ברודערל, איך וויל אויבעט הערען...

— פּי, פּי, פּע! שרייען אנדערע, וואס שלאָגט איר איבער?

— קריגט אייך ניט פייגעלעך, זאָגט דער ראָב ווייך, ריקט זיך צו! נענטער! אָט אזוי! גוט, גוט! נו הערט!

# דאָס דריטע קאפּיטל

אין דעם קאפּיטל דערציילט דאס ביכעלע א מעשה מיט מענטשן, וואס האבן זיך אוועק־געלאָזט מיט א שיף איבערן גרויסן ים און וועגן א האק פון א האָלצהעקער און נאָך דערציילט דאָ דאָס ביכעלע, וויאזוי די פייגעלעך האָבן געלאכט, ווען מע בעדארף גאָר וויינען און דערפאר האָט אויף זיי דער רבי אָנגעשריגן.

אמאָל זענען מענטשן אויף א שיף איבערן גרויסן ים געפאָרן. פלוצים האָבן זיי א פויגל דערזען. דער קאָפּ אין הימל, די פיס אין ים און דאס וואסער ביז די קנעכל. האָבן זיי געוואָלט פון דער שיף שפּרינגען, באָדן זיך פאַרגלוסט זיי. נעמיינט, ניט טיף. קנעכל־וואסער. פלוצים האבן זיי א בת־קול דערהערט:

היט אייך! מיט זיבן יאָר צוריק האָט א האָלצהעקער דאָ האָלץ גע־האקט. איז דאס האקאייזן אין וואסער אראָפּ. פאַלט עס, פאַלט און עד היום ביז צום גרונט ניט דערגאנגען.

— טיף, טיף, טיף! — נאפּן די פייגעלעך — אזוי טיף?!

— אזוי טיף! זאָגט דער ראָב.

— אזוי טיף, טיף און קוים ביז די קנעכל? וואונדערט זיך איינס,

— וואס דער חידוש? ענפערט דער רבי, יענער פויגל איז בר־יוחני געווען! בר־יוחני — געלויבט איז ער און געלויבט איז זיין נאָמען! — בר־יוחני, וואָס די טיפסטע טיפענישען מיט די קנעכל פון זיינע פיס מעסט ער אויס.

— און דאָס האָט ער פון אוויון „היט אייך!" „היט אייך" צו די מענטשן געשריגן?

— ער! זאָגט דער ראָב, ער! געוואָרנט זיי... ניט געהייסן...

— טער־ר־ר! — קנאקן אויס אלע פייגעלעך מיט א מאָל — א גוטער איז ער בר־יוחני, אגו־טער־ר־ר!

און איין פייגעלע א לעבעדיקס, א פריילעכס טאנצט אויף איין פיסעלע אונטער, און זינגט זיך:

יוה־יוה־יוחני!
זיסער, גוטער!
היט מיין טאטן
בענטש מיין מוטער!

— ט־ר־ר־ר! כאפן די פייגעלעך ווי־ער אמאָל אונטער.

און דער ראָב זאָגט:

— יאָ, א גוטער איז ער בר־יוחני, און אויף גוטן האט ער די מענטשן געראָטן, נאָר

וואָס טויג דאָס זיסע ווייצעלע?
ניטאָ ווער זאָל עס קלויבן!
וואָס טויג דאָס קלוגע עצהלע?
ניטאָ ווער זאָל עס לויבן!

א גוטער איז ער בר־יוחני, און אויף גוטן האט ער די מענטשן געראָטן, האָבן זיי אָבער ניט געפאָלגט...

— ניט געפאָלגט? פארוואָס?

— ווייל פון די גרויסע שווימערס זענען זיי געווען, און וואו א שווימער איז ער א בארימער, ווי די קאטשקע.

האָבן זיי, די שווימערס, זיך באריטמט:

— מיר'ן זיך — זאָגן זיי — אין די טיפע טיפענישן אראָפּלאָזן, די האַק א־ויסבאקומען און מיט איר זיך אין בר־יוחני פארמעסטן! וועל'מיר זיך א נאָמען אויף דער וועלט מאכן!..



געזאָגט און אין ים אריינגעשפרינגען. באלד איז א גרויסער שטורם־ווינט געוואָרן, פון אלע עקן וועלט האָבן די פינצטערע אָדלערס אָנגעיאָגט און זייעריע פליגל, די גרויסע ווי די נאכט, האָבן זיי איבערן הימל פאר־שפרייט.

און די בלינדע אויגן פון די פינצטערע אָדלערס האָבן זיך געעפנט און סע האָט געבליצט און גערעגנט. און כוואליעס ווי די בערג האָבן זיך ביז צום הימל געהויבן און די שיף האָבן זיי אויף זייערע פלייצעס געטראָגן. פערציק טעג און פערציק נעכט.

נאָכדעם האָט בר־יוחני — געלויבט איז ער — מיט זיינע פליגל א לינדן פּאָך געטון, האָט א שטיל ווינטעלע געבלאָזן, זענען די וואסערן שטיל געוואָרן און די שיף האבן זיי אויף די בערג אַרָרַט אויסגעשפּיגן.

אלע די שווימערס זענען דערטראָנקען געוואָרן, נאָר איינער פון זיי איז אין דער שיף געבליבן, בר־יוחנים וואונדער צו דערציילן.

די מעשה פון דער דערטרענקעניש האָבן די מענטשן אין זייערע הייליקע ספרים פארשריבן. ס'הייסט בא זיי „מבול".

— ווי אזוי? ווי אזוי? פרעגן די פייגעלעך.

— מבול! זאָגט דער ראָב, שווער פאר אייך! איר וועט דאָס ניט נאָכזאָגן.

— מי, בי, פּי! פריווט איינס.

— קי, קי, קי! צעלאכט זיך א צווייטס.

— שא, שא, דו שקאָץ! — שרייט אויף אים אָן דער ראָב שטרענג, און גיט אים א גרינגען פיק אין קעפעלע — מענטשן טרענקען זיך און אים איז פריילעך! לאכט נאָר!

די פייגעלעך זענען אומעטיק געוואָרן.

און דער ראָב האט געזאָגט:

און נאָך א מעשה האָט אין יענער נאכט דער חול איבערגעגעבן...

— וויל'מיר הערן! וויל'מיר הערן! האָבן זיך די פייגעלעך אויפ־געמונטערט.

און דער ראָב האָט דערציילט:

# דאָס פֿערטע קאַפּיטל

אין דעם קאַפּיטל דערציילט דאָס ביכעלע אַ מעשה מיט אַ הויכן טורם און מיט אַ שוואַרצער קאַץ און סע ווערט געבראַכט אַ קלוג וואָרט פֿון אַ קלוגער שלאַנג.

אַמאָל האָבן זיך די מענטשן אַ הויכן טורם געבויט, אַ טורם ביז'ן הימל! צו בר־יוחני געוואָלט דערגרייכן. ליכטיקע פֿעדערן פֿון זײַנע פֿליגל געוואָלט אויסרײַסן און פֿאַר געלד פֿאַרקויפֿן!

— געלד? געלד? פֿרעגן די פֿייגעלעך, וואָס הייסט געלד?

— ווער קען וויסן? ס'איז אַ סוד! מענטשן האָבן אַ טבע זייער געלד צו באַהאַלטן...

נאָר אַ קאַנאַריקל, וואָס איז בײַ זיי אַ גאַנץ יאָר אין אַ שטייגעלע געזעסן און דערנאָך אויף דער פֿרײַ זיך אַרויסגעריסן, האָט מיר דערציילט, אַז ס'האָט אַליין געזען דאָרטן אין שטוב עפּעס אַ שוואַ־צע זאַך זיך אַרומדרייען, אַ שוואַרצע זאַך מיט גרינע אייגעלעך און שאַרפֿע נעגעלעך!

בײַנאַכט, ווען מע פֿלעגט דאָס פֿײַער אויסלעשן, און אַלע אין שטוב האָבן זיך שלאָפֿן געלעגט, דעמאָלט, אין דער פֿינצטערניש, פֿלעגן זיך בײַ דער שוואַרצער זאַך די גרינע אייגעלעך אָנצינדן — אַ פּחד! די גאַנצע וועלט צו פֿאַרברענען! טויט אין אַלע ווינקעלעך פֿאַרשפּרייט!.. איך מיין: אויב דאָס איז ניט געווען קיין ווילדע קאַץ איז דאָס אוודאי געלד... יאָ, יאָ געלד... איך האָב דערצו אַ ראיה...

— וואָס פֿאַר אַ ראיה? זענען די פֿייגעלעך נײַגעריק צו וויסן.

— כ'האָב אַמאָל געשמועסט מיט אַ שלאַנג, וואָס האָט זיבן יאָר אין אינדיען בײַ אַ פֿאַקיר געלעבט. זי האָט בײַ אים חכמה געלערנט. דער פֿאַקיר פֿלעגט איר מויל צו זיך אין מויל אַרײַן נעמען און מויל צו מויל איר טיפֿע סודות אַנטפּלעקט.

האָט מיר די שלאַנג אַזוי געזאָגט:

אַז װעסט זען אַ זאַך, וואָס בײַ דער ליכטיקער שײַן איז דאָס פֿינצטער און בײַ דער פֿינצטערער נאַכט איז דאָס ליכטיק, זאָלסטו וויסן, אַז דו זעסט:

אָדער אַ גליִ־ווערעמל, אָדער פֿאַרפֿוילט האָלץ, אָדער חכמה פֿון נאַראָנים, אָדער געלד...



— טיף, טיף, טיף! — שפּיפּטשען די פֿייגעלעך — אַ טיף וואָרט!

— אוודאי! — זאָגט דער ראָב — אַז איר וועט עלטער ווערן וועט איר דאָס ערשט רעכט פֿאַרשטיין...

— און נאָך וואָס טויג די מענטשן די דאָזיקע שוואַרצע זאַך מיט די אייגעלעך, וואָס ברענען אין דער פֿינצטער? ווילן די פֿייגעלעך וויסן.

— דאָס, ליבע פֿייגעלעך, האָבן אונדז מענטשן ניט דערציילט, נאָר וויסן ווייס איך, אַז מענטשן האָבן די דאָזיקע שוואַרצע זאַך זייער ליב.

פֿאַר געלד וועט אַ מענטש אַמאָל אַפֿילו דאָס לעבן אוועקגעבן!

— אַפֿילו דאָס לעבן?!

— יאָ! דאָס קאַנאַריקל, וואָס האָט דאָרטן בײַ זיי אין שטוב אַ גאַנץ יאָר געלעבט און דערנאָך זיך אויף דער פֿרײַ אַרויסגעריסן, האָט מיר דערציילט, אַז אַלע אין שטוב, פֿון קליין ביז גרויס, האָבן די שוואַרצע זאַך ליב געהאַט. קליינוואַרג פֿלעגט זיך דערמיט שפּילן און טאַנצן, מיט'ן באַלבאָס איז דאָס אויף איין געלעגער געשלאָפֿן. די באַלבאָסטע פֿלעגט דאָס צום האַרץ טולען, כאָטש אַלע פֿלעגן דאָס צעגראָבלען...

— משוגעים! פּסקעט אַ פֿייגעלע.

— אַבי מע זאָגט, אַז אַ מענטש איז קלוג! גיט צו אַ צווייטס.

— ע! זאָגט דער ראָב, קלוגער פֿון אַ קאַטשקע איז ער אוודאי... נאָר מע כאַפּט ניט איינס אין אַנדערן, וועגן דער קאַטשקע וועל איך אײַך שפּעטער דערציילן... וואָזשע האַלטן מיר?

— בײַם טורם.

— האָבן די מענטשן אַ הויכן טורם געבויט. געבויט, געבויט, אָט, אָט דעם הימל דערגרייכט, פּלוצים — קאַר, קאַר, קראַך!

בר־יוחני האָט אין זיי דאָס מינדסטע איי פֿון זײַן נעסט געוואָרפֿן, איז דער גאַנצער טורם אײַנגעפֿאַלן.

דער טורם איז אײַנגעפֿאַלן און אַ סאַך, אַ סאַך שטעט זענען אונטער אים חרוב געוואָרן. אַזויפֿיל שטעט, וויפֿיל אויף אַ בוים מיט פֿייגעלעך — פֿליגעלעך און אייגעלעך פֿיסעלעך און נעגעלעך!

— פֿי, פֿי, פֿי! שרײַען די פֿייגעלעך.

— ווייסט איר שוין ווער בר־יוחני איז? — זאָגט דער ראָב — איצט מײַנע פֿייגעלעך, לופֿטערט זיך דורך די פֿליגעלעך און קומט צוריק וועל איך אײַך דערציילן וויאַזוי בר־יוחני האָט די וועלט באַשאַפֿן.

— טשער, טשער, טשער־ר־ר־ר! זענען זיך די פייגעלעך מיט א גזאנג צעפלויגן.

קענן א האלבער שעה האבן די פייגעלעך אויפן פרייען פעלד געשטיפּט. אין דער בלויער לופט ריידעלעך געמאכט און „עיגול־ביגול" און אין „פּיק צוריק" זיך געשפּילט. און לעבעדיק און פריילעך און פארסאפּעט צום ראָב אויפן בוים צוריקגעקומען. שטיל, געהאָרכזאם זיך אויסגעזעצט און דער ראָב האָט ווידער אָנגעהויבן:

# דאָס פינפטע קאפּיטל

אין דעם קאפּיטל דערציילט דאָס ביכעלע, ווי דער ראָב האָט די פייגעלעך א הארבע שאלה געפרעגט און וויאזוי ער האָט זי אליין פארענפערט, און נאָך ווערט דאָ דערציילט, פון וואנען סע נעמען זיך די פינצטערע אָדלערס, וואָס וואנדערן ווייענדיק און פאר וואָס סע דונערט און סע בליצט.

און אָנגעהויבן האָט דער ראָב מיט א שאלה:

— קינדערלעך! פון וואנען קומט א פייגעלע ארויס?

— פון אן אייעלע!

— און דאָס אייעלע פ'ן וואנען?

— פון א פייגעלע!

— און דאָס פייגעלע?

— פון אן אייעלע!

— אן אייעלע פון א פייגעלע, א פייגעלע פון אן אייעלע — זאָגט דער ראָב — אָבער וואָס פריר? צום אלעם ערשטן וואָס? צום אלעם ערשטן דאָס אייעלע! און דאס אייעלע פון וואָס? דאָס אייעלע פון די פינצטערע בערג...

א מאָל, א מאָל, נאך פאר'ן ערשטן אייעלע, זענען פינצטערע בערג געווען. פינצטערע פארשלאָפענע בערג און נאָרניט מער! און איבער די פינצטערע בערג האט בר־יוחני ארומגעשוועבט. ווי אן אָדלער זיין נעסט



באוואכט, איבער זיינע פייגעלעך ציטערט ער, אזוי האט בר־יוחני — געלויבט איז ער — איבער זיינע בערג געציטערט, געפלאטערט.

מיט א מאָל איז אויף די קעפּ פון די בערג א ליכטיקייט געפאלן!

אין בר־יוחנים אויגן האט זיך א פייערל אָנגעצינדן און דאָס פייער פון בר־יוחנים אויגן האט די שפּיצן פון די פארשלאָפענע בערג באלויכטן.

האָבן זיך די בערג פון שלאָף אויפגעכאפּט.

האט בר־יוחני א זאָג געטון:

זאלן זיך פארזאמלען אלע פינצטערע בערג אויף איין אָרט און איין גרוים איי זאל פון זיי ווערן!

און ס'איז אזוי געוואָרן.

אלע פינצטערע בערג האבן זיך אויף איין אָרט פארזאמלט און איין איי איז פון זיי געוואָרן: דאס ערשטע אייעלע!..

האט בר־יוחני — געלויבט איז זיין נאָמען — דאס איי מיט זיין שנאָבל צעשפּאלטן, איז אין אים געווען א ווייסל, איין גרוים געלעכל מיט א בלוטס־טראָפּן און א סאך, א סאך קליינע געלעכלעך.

פון דער אויבערשטער העלפט ווייסל האט ער דעם הימל באשאפן, פון דער אונטערשטער — דעם ים, פונ'ם גרויסן געלעכל — די גילדענע זון, פון די קליינע געלעכלעך — די לבנה מיט די שטערן, פון דער הארטער שאָלעכץ — די ערד מיט אלע אירע באשעפענישן און פונ'ם בלוטס־טראָפּן — דעם מענטשן.

דערנאָך האט בר־יוחני א קוק געטון און דערזען:

איין פינצטערער בארג איז געבליבן!

ווען בר־יוחני האט באפוילן: „אלע פינצטערע בערג זאמלט אייך צענויף"! האט ער ניט געהערט. ער האט פארשלאָפן...

איז בר־יוחני אויף אים בייז געוואָרן און געזאָגט:

פינצטערער בארג! ווייל אויף דיין אָרט ביזטו שטיין געבליבן, ווען אלע דיינע ברידער האבן זיך צום גרויסן שאפן פאראייניקט, דערפאר — נע ונד זאָלסטו זיין! אומוואנדערן פון אָרט צו אָרט זאָלסטו און קיין רו זיך קיינמאָל ניט געפונען!

באלד דערויף האט בר־יוחני א פּאָך געטון מיט זיינע פליגל, זענען גרויסע ווינטן געוואָרן, האבן די ווינטן דעם בארג א כאפּ געטון און אים

אויף שטיקער צעריסן. זענען פון די פינצטערע שטיקער אָדלערס געוואָר׳ן — פינצטערע אָדלערס וואָס וואנדערן אייביק!

האָבן די פינצטערע אָדלערס געוויינט פאר בר־יוחני און געזאָגט:

גרויס איז אונדוער זינד ניט צו פאַרטראָגן! צום גרויסן שאַפן האָ׳מיר זיך ניט פאַראייניקט, פאַראומערט און פאַרפינצטערט זענען מיר געבליבן. קיין רו וועל׳מיר זיך ניט געפונען און אייביק וועל׳מיר וויינען!

האָט בר־יוחני רחמנות באַקומען און געזאָגט:

דערפאַר וועלן אייערע טרערן אויף דער ערד פאַלן און זי דערפרישן און באַפרעכפערן און נייע שאַפונגען פון איר שוים אַרויסברענגען.

איז אַזוי געוואָרן.

אַז די פינצטערע אָדלערס וויינען פאַר גרויס חרטה און בענקשאַפט נאָך שאַפונג, פאַלן זייערע טרערן אויף דער ערד, שלינגט די ערד די טרערן — וואַקסן פון איר שוים נייע שאַפונגען אַרויס: תבואות, ביימער, גראָזן, רויזן, בלומען!

בענטשט די ערד די אָדלערס.

ענפערן די אָדלערס אויף אַ קול: אָמן!

— דאָס איז דער דונער? פרעגן די פייגעלעך.

— יאָ, זאָגט דער ראָב, דאָס איז דער דונער.

— און וואָסזשע איז דער בליץ? פרעגן ווידער די פייגעלעך.

— דער בליץ, דאָס איז דאָס ערשטע ליכט וואָס האָט זיך צום ערשטן אין בר־יוחנים אויגן אָנגעצינדן. דאָס ליכטיקייט וואָס האָט די שפיצן פון די בערג באַלויכטן ווען בר־יוחני — געלויבט איז ער — האָט נאָר וואָס פאַרטראַכט די וועלט צו באַשאַפן.

— ווי זשע קומט דאָס ליכטיקייט צו די פינצטערע אָדלערס?

בר־יוחני מיט זיין גרויס רחמנות האט דעם בליץ די פינצטערע אָדלערס געשענקט, כדי די וועלט זאָל זיך פאַר די פינצטערע אָדלערס ניט שרעקן... אַז די פינצטערע אָדלערס וועלן אָניאָגן און זייערע פליגל, די גרויסע ווי די נאַכט, איבער דער וועלט וועלן זיי פאַרשפרייטן, און די קוואַלן פון די בלינדע אויגן וועלן זיך עפענען און טרערן, טייכען טרערן, וועלן די אָדלערס איבער דער וועלט גיסן ווייל זיי האָבן די רגע פון גרויסן שאַפן פאַרשלאָפן, וועט פלוצים פון זייערע אויגן דאָס ליכט פון שאַפונג אַרויסבליצן



אַ סימן, אז פון דעם פינצטערניש און פון די טרערן וועט שאַפונג און ברכה קומען. . . אַ ניי לעבן שפראָצן. . .

— און קוקו האָט מורא פאַר׳ן בליץ! — זאָגט איין פייגעלע אָנ־ווייזנדיק מיט׳ן פליגעלע אויפ׳ן חבריל.

— קו, קו! קו, קוק! קוק אים אָן! אַ חכם! זאָגט דער קוקו פאַרשעמט, למאי האָסטו מורא פארן דונער, למאי?

— איך... איך... איך וועל שוין קיינמאָל ניט מורא האָבן פאַר׳ן דונער...

— און איך וועל שוין קיינמאָל ניט מורא האָבן ניט פאַרן דונער און ניט פאַרן בליץ! פאַרזיכערט דער קוקו.

— מיר אַלע! מיר אַלע! — שרייען די פייגעלעך פריילעך — מיר אַלע וועלן ניט מורא האָבן! זאָל דונערן! זאָל בליצן! זאָל אַ לעבן קומען! זאָל אַ ניי לעבן שפראָצן! צוויק! צוויק! צוויק!

און זיי קישן, די פייגעלעך, מיט די פיסקעלעך אין גרינעם „ביכעלע“ און זיי פליעסקען מיט די פליגעלעך און זיי זינגען:

אויף, אויף, אויפ׳ן בוים, אויף גרינעם,<br>אויף, אויף, צווייגעלע, אויף דינעם<br>אויף, אויף, אויפ׳ן סאַמע שפיץ<br>טאַנצט אַ שטערן אויף אַ בליץ...<br>לאָמיר זינגען: צוויק! צוויק! צוויק!<br>צוויק! צוויק! צוויק!

און דער ראָב האָט צעלאָזט די פייגעלעך אַהיים ביז מאָרגען אין דער פרי.